# גליון היכל הקודש

ווערטענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת כי תבא, י"ח אלול, שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 49 (667)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:37
מוצאי שב"ק....................8:06

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................זכריה ב'-ג'
בבלי...............בבא בתרא פ"ח
ירושלמי......................יומא י'
תוספתא................אהלות י"ז
רמב"ם......פסולי המוקדשין ט"ו

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל, נָאךְ דִי פִילֶע תּוֹכָחָה, דִי שְׁטְרָאף רֵייד, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָוארְנְט אָן דִי אִידְן אַז אוֹיב מְ'וֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶועט קוּמֶען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן, זָאגְט דִי תּוֹרָה אַז דָאס וֶועט קוּמֶען וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אַ גוּט הַארְץ. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס זָאל קוּמֶען אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים בְּלוֹיז דֶערְפַאר וָואס מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶער מִנְהָג, אָדֶער אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, נָאר אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

שִׂמְחָה הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זי"ע הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, מֶער וִוי עֶר וָואלְט וֶוען פַארְדִינְט דִי וֶועלְט'ס גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אוּן אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז שִׂמְחָה אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רְפוּאָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין גוּט פַארְוָואס אַלֶע קְלָלוֹת אוּן תּוֹכָחָה קוּמְט וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, וַוייל וֶוען אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אוּן דַאן וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן דוּרְךְ זַיין שִׂמְחָה.

**וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ? דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מְ'אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב) אַז וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז גֶעפַאלְן, זָאל עֶר זוּכְן אוּן טְרֶעפְן דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן גוּט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת, זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד', ב') "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט קוּקְן, וֶועט עֶר זֶען אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרוֹת וָואס עֶר הָאט, אִיז אוֹיךְ דָא גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג, זֶען דִי רַחֲמִים וַחֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, וֶועט עֶר קֶענֶען אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, דָאס וֶועט אִים אוֹיסְלֵייזְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס לֶערְנֶען מִיר אוֹיךְ אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה, דִי מִצְוָה פוּן בְּרֶענְגֶען בִּיכּוּרִים, מְ'דַארְף בְּרֶענְגֶען דִי עֶרְשְׁט גֶעצַייטִיגְטֶע פְרוּכְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב, צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז. דֶערְפַאר זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק "וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וּלְבֵיתֶךָ", דִי מִצְוָה פוּן בִּיכּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וֶוען מְ'דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט, וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן דַאן וֶוערְט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף.

(תּוֹךְ הַנַּחַל כִּי תָבֹא תשע"א)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### יִסּוּרִים

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא) "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיְּסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָה? שֶׁהַיְּסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסּוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסּוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן) "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסּוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסּוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דִי עֵצָה זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן יִסּוּרִים אִיז צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט יִסּוּרִים מַאכְט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק צוּ דִי אוֹיגְן אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אִיז - זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן גֵייט אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט דִיךְ אַוֶועק, מֶען אִיז דִיךְ מְרַחֵק פוּן הִימְל; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? דָאס דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף יֶעדֶער וָואס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען וִויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע רְאָיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶּער - פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען וִויל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ד)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אֱלוּל: אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן קַאפִּיטְל (כז) "לְדָוִד ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי" - בַּיי מִנְחָה פוּן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, פַאר קַדִּישׁ תִּתְקַבַּל.

דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן זָאגְן גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל סְלִיחוֹת, מִיר זָאגְן נָאר דִי וָואךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַ קְלֵיינֶע סְלִיחוֹת וָואס מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג. קַאפִּיטְל (כז) "לְדָוִד ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי", דִי קַאפִּיטְל אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַאפִּיטְל, מֶען קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְוַואשְׁן דָאס הַארְץ מִיט דִי קַאפִּיטְל; "לְדָוִד" דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין לִיכְטִיגְקֵייט אוּן מַיין הֶעלְפֶער, "מִמִּי אִירָא" פוּן וֶועם זָאל אִיךְ זִיךְ פָארְכְטְן? "ה' מָעוֹז חַיַּי" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער שְׁטַארְקֵייט פוּן מַיין לֶעבְּן, "מִמִּי אֶפְחָד" פוּן וֶועם זָאל אִיךְ צִיטֶערְן? אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, "אִם תַּחֲנֶה עָלַי מַחֲנֶה לֹא יִירָא לִבִּי" אוֹיבּ וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין אוֹיף מִיר אַ גַאנְצֶע בַּאנְדֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן - הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מוֹרָא, "אִם תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ" אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען מַאכְן אוֹיף מִיר אַ מִלְחָמָה - פַארְלָאז אִיךְ זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ בְּלָאזְן שׁוֹפָר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל נָאךְ קַדִּישׁ דְּרַבָּנָן, פַאר מֶען זָאגְט עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ. דֶעם הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן שׁוֹפָ"ר אִיז (דְּבָרִים כט, יז): "שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה", דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן, לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? נָאר רַשִׁ"י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה? **"שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"** וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר - דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת אוּן מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ הָאט מֶען פַיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד - לַאכְט מֶען אִין הִימְל פוּן דֶעם אִיד. יֶעצְט אֱלוּל מוּז מֶען דָאס פַארְעֶכְטְן, דִי דוֹרְשֵׁי רְשׁוּמוֹת זָאגְן, אֱלוּל אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (אֶסְתֵּר ט, כב): **"אִ'ישׁ לְ'רֵעֵהוּ וּ'מַתָּנוֹת לָ'אֶבְיוֹנִים"**, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי עֲבוֹדָה פוּן אֱלוּל אִיז מַרְבֶּה זַיין לִיבְשַׁאפְט, זִיךְ מוֹחֵל זַיין, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, זִיךְ פַארְגִינֶען; כָּל זְמַן מֶען הָאט פַיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד - אִיז מֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן תְּשׁוּבָה, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: **"אָדָם יָכוֹל לָקוּם בַּחֲצוֹת"**, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, **"וּלְהִתְבּוֹדֵד"**, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"וְלִלְמוֹד"**, אוּן לֶערְנֶען, **"לַעֲשׂוֹת עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת"**, אוּן טוּן שְׁטַארְקֶע עֲבוֹדוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, **"אֲבָל הוּא שׂוֹנֵא אֶת הַזּוּלַת"**, אוֹיבּ הָאט עֶר פַיינְט אַ צְוֵוייטְן, **"עַל לֹא דָבָר"**, פַאר גָארְנִישְׁט, **"אֲזַי לְמַעְלָה בַּשָּׁמַיִם צוֹחֲקִים מִכָּל עֲבוֹדוֹת הַקָּשׁוֹת שֶׁלּוֹ"**, אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, **"וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר לוֹ"**, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים, **"אֵיךְ אֲקַבֵּל אֶת הָעֲבוֹדוֹת שֶׁלְּךָ"**, וִוי אַזוֹי וִוילְסְטוּ אִיךְ זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע עֲבוֹדוֹת, **"בְּשָׁעָה שֶׁאַתָּה שׂוֹנֵא אֶת הַזּוּלַת"**, וֶוען דוּ הָאסְט פַיינְט אַ צְוֵוייטְן, **"וְעוֹבֵר עַל** (וַיִּקְרָא יט, יז) **'לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ'"**, (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק לט, מִכְתָּב ו'תשט).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אַנְטְלוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין אַסַאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. חֲזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ו') "אִם רָאִיתָ שֶׁיִּסּוּרִים מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי תּוֹרָה, וּמִיַּד הַיִּסּוּרִים בּוֹרְחִין מִמְּךָ" - אוֹיבּ זֶעסְטוּ אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר יִסּוּרִים, זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דַאן וֶועלְן דִי יִסּוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן יֶעדְן טָאג, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחֲנִיּוּת, בִּין אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין אַזוֹיפִיל חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן אַזוֹיפִיל סְפָרִים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער, אִיר זָאלְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אִיר זָאלְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיר זָאלְט מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וֶועט אִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן נָאר רַחֲמִים וַחֲסָדִים גְּמוּרִים. (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ סִימָן י"ד)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זי"ע הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַרַיין דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב זי"ע, אוּן כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער אוּן אַ פִּילֶער מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג זִיךְ צוּ זֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד, הָאט עֶר אָבֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ פַאטְשֵׁיילֶע פוּן טַאשׁ אוּן עֶס אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט דֶערוֹיף, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טַאשׁ אַ "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי קַאפִּיטְלֶעךְ, אוּן צְוֵויי רִיטְשְׁקֶעס טְרֶערְן זֶענֶען גֶערִינֶען פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט פַארְדֶעקְט דֶעם פָּנִים מִיטְ'ן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעזֶעסְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעוֵויינְט פַאר זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט.

אוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט, "פַאר טְשֶׁעהְרִינֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג צוּ זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי קְלֵיין בַּיי זִיךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי בָּטֵל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד; אוּן הַיינְט בְּרֶענְגְט מֶען שׁוֹין בֶּענְקְלֶעךְ צוּם צִיּוּן?! וָואס אִיז שְׁלֶעכְט צוּ זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד?".

מֶענְטְשְׁן וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ צוּם רֶבִּי'נְ'ס צִיּוּן אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן, הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי אוֹיךְ מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ דָארְט אַוֶועקְגֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן, אוּן אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט. כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַסַאךְ תַּלְמִידִים, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין כָּבוֹד, נָאר עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן י"ג-י"ד)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

יא. **תְּפִלַּת אַחֵר מוֹעִיל יוֹתֵר מִתְּפִלַּת עַצְמוֹ, וַאֲפִלּוּ צַדִּיק צָרִיךְ לִתְפִלַּת אֲחֵרִים.** וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, הֶעלְפְט עֶס מֶער וִוי וֶוען יֶענֶער בֶּעט פַאר זִיךְ אַלֵיין; אֲפִילוּ אַ צַדִּיק דַארְף אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ תְּפִלּוֹת פוּן אַנְדֶערֶע.

## לֶעבּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קעה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי זַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים פוּן אַלֶע זַייטְן, אִינְצְוִוישְׁן קוּמְט אַרַיין דִי רֶבִּיצִין אוּן רֶעדְט זִיךְ אָפּ פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלָאזְט אַז דָאס קִינְד זָאל נִפְטָר וֶוערְן.**

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, זָאלְט אִיר זַיין דִי דַיָינִים, פַאר אִיר אִיז אַ שָׁאד דָאס קִינְד?", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין אוּן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן גֶעזָאגְט, "וָואס וֵוייסְט אִיר בִּכְלַל וָואסֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּרָאךְ דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז דָאס קִינְד אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן? מַיין הַארְץ אִיז גֶענְצְלִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן פוּן דֶעם", עֶס זֶענֶען גֶערִינֶען טְרֶערְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס פָּנִים, אוּן רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן דִי צַעַר אוּן בּוּשָׁה וָואס אִיז זֵיי בַּאפַאלְן צוּקוּקֶנְדִיג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַרְאֶה וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק.

### תרג

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, וֶוען אִיר לוֹיפְט וֶוען נִישְׁט גְלַייךְ אַוֶועק, וָואלְט אִיךְ אַייךְ וֶוען דֶערְצֵיילְט שֵׁיינְס".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פָארְכְטִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (רוּת ב', ח') "וַיֹּאמֶר בֹּעַז אֶל רוּת", [גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ה], וָואס רֶעדְט אִיבֶּער תִּיקוּן פוּן נְשָׁמוֹת, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זַייעֶר הָאבְּן דֶעם אוֹיפְזֶעעֶר פוּן פֶעלְד, וָואס זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי פַארְעֶכְטְן, אוּן דֶער וָואס גַארְטְלְט זִיךְ אָן צוּ זַיין דֶער "בַּעַל הַשָּׂדֶה", גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פִילֶע יִסוּרִים אָן קֵיין שִׁיעוּר, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער עֶר גֵייט אַלֶעס אַרִיבֶּער מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ, אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיטְ'ן פֶעלְד וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

### תרד

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְשְׁט יֶעצְט, אִין דֶעם זוּמֶער, מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן עִנְיָן פוּן מְתַקֵן זַיין נְשָׁמוֹת, אוּן אַז מֶען דַארְף זַייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן אַ "בַּעַל הַשָּׂדֶה", אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעגַארְטְלְט צוּ זַיין דֶער בַּעַל הַשָּׂדֶה, וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן תּוֹרָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי בֶּאֱמֶת גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַסַאךְ יָארְן פְרִיעֶר, וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעווּאוֹינְט אִין זְלַאטִיפָּאלִי (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן שמ"ח). פוּן דֶעם זֶעט זִיךְ אַרוֹיס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען אֲפִילוּ נָאר פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגָה, יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט דֶער רֶבִּי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר נֵייעֶ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער צוּ וָואס עֶר הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין דִי יָארְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין זוּן פָאֹרְן קֵיין אוּמַאן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין זוּן זָאגְט מִיר אַז עֶר פָארְט קֵיין אוּמַאן, עֶר זָאגְט אַז דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֵיין אוּמַאן, אוּן אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען זֶענֶען נָאר מְנִיעוֹת, אוּן מְ'דַארְף אַלֶעס צֶעבְּרֶעכְן אוּן אִיבֶּערְקוּמֶען אוּן יָא פָארְן קֵיין אוּמַאן.

דָאס מִיר בֶּאֱמֶת זַייעֶר וֵויי, אוֹיבּ אִיךְ – זַיין טַאטֶע – וִויל נִישְׁט עֶר זָאל פָארְן, בִּין אִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע?! קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט אַרַיינְרֶעדְן?! קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קֵיין אוֹיטָארִיטֶעט אוֹיף אִים?! עֶר מֶעג זִיךְ טוּן וָואס עֶר וִויל?!

אוּן נִישְׁט נָאר עֶר אַלֵיין, עֶר וִויל נָאר אוֹיפְוַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַז יֶעדֶער לֶעבְּט אִין אַ טָעוּת, אַלֶעס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, נָאר בְּרֶסְלֶב אִיז דִי אֱמֶתְ'עֶ וֶועג. אִיז דָאס רִיכְטִיג? נִישְׁטָא קֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיז דָאס דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ וֶועג, אַוֶועקְצוּמַאכְן יֶעדְן אֵיינֶעם, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גוּט, נָאר זֵיי זֶענֶען גוּט?!

לֶעצְטְנְס אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן אַ גֶעבְּלוּמְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע; אִיז דָאס אוֹיךְ בְּרֶסְלֶב? אַוֶועקְצוּוַוארְפְן דִי בְּגָדִים וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים אָנְגֶעטוּן?

אִיךְ קוּק עֶס אָן וִוי סְתָּם פְּרִיקַת עוֹל, מְ'ווִיל אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דִי רֶבִּי"ס, אוּן זִיךְ זוּכְן נֵייעֶ וֶועגְן, עֶס אִיז אַ פְּרִיקַת עוֹל מִיט אַ הֶכְשֵׁר לְמְהַדְרִין.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַסְבִּיר זַיין וָואס דָא גֵייט פָאר, אִיז טַאקֶע נָאר בְּרֶסְלֶב דִי וֶועג? וֶוער סְ'הַאלְט אַנְדֶערְשׁ אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן דֶער שָׂטָן אַלֵיין? אִיז דָא נָארְמַאלֶערֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ מֶעסְטְן אוּן וֶועגְן זַאכְן, אָדֶער מוּז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זִיךְ אוּנְטֶערְבֵּייגְן פַאר בְּרֶסְלֶב?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ג' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דַיינֶע פְרַאגֶעס.

דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, דַיין זוּן זָאגְט דִיר אַז אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פְרֶעגְסְטוּ אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ קוּמֶען קֵיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען הֶערְט פוּן אַ צַדִיק אֱמֶת וִוי עֶר זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו) אַז עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אֲפִילוּ דִי וָואס עֶר קֶען נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן; נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תח): "**הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה – שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי**", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר – מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, – אִיז דָאךְ אַ דָבָר פָּשׁוּט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַבִּיסְל אֱמוּנַת חֲכָמִים, וֶוען עֶר הֶערְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִיק אֱמֶת – טְרַאכְט עֶר נִישְׁט קֵיין סַאךְ, עֶר קוּמְט גְלַייךְ קֵיין אוּמַאן, וֶוער דַארְף דֶען נִישְׁט אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן בַּיים יוֹם הַדִין וֶוען מֶען אִיז אִים דָן, אִים מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; זַיין לֶעבְּן, דִי לֶעבְּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, זַיין פַּרְנָסָה; אַלֶעס אַלֶעס אִיז מֶען דָן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט קוּמֶען, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן אוּמַאן – זָאלְסְטוּ אָבֶּער נִישְׁט שְׁטֶערְן דַיין זוּן פוּן קוּמֶען; אַז דַיין זוּן ווִיל קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן זָאלְסְטוּ אִים מְחַזֵק זַיין, וַוייז אִים אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט, עֶר זוּכְט אַ גוּטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דִי פְרַאגֶע אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין הֲנָאָה אַז דַיין זוּן צִיט צוּ בְּרֶסְלֶב, דוּ ווִילְסְט עֶר זָאל גֶעהֶערְן בֵּיי דַיין חֲסִידוּת; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דוּ מַאכְסְט אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת; נִישְׁט נָאר דוּ, נָאר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן זַייעֶר קִינְד וֶוען זַייעֶר קִינְד גֵייט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג ווִי זֵיי.

וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד צִיט צוּ אַ גוּטֶע פְּלַאץ, עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן מִיט אַ גוּטֶע חַבוּרָה פוּן אַ גֶעווִיסֶע חֲסִידוּת, אָדֶער עֶר צִיט צוּ אַ יְשִׁיבָה פוּן אַן אַנְדֶערֶע אָפְּשְׁטַאם ווִי דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען – הֵייבְּן דִי טַאטֶעס אָן רוֹדְפְ'ן זַייעֶר זוּן 'הֲיִתָּכֵן דוּ בִּיסְט מְשַׁנֶה פוּן דִי דֶרֶךְ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן?' מֶען שְׁטֶעכְט אִים, מֶען מַאכְט חוֹזֵק, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי חֲסִידִים, אָדֶער פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע וֶועג; מֶען סְטְרַאשֶׁעט דֶעם קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי וֶועג, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ רִיזִיגֶער פֵייעֶר אִין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן קְרַאנְק פוּן דֶעם.

דָאס אִיז אַלֶעס פוּן קַטְנוּת הַדַעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין וָואס דָא פַּאסִירְט; דֶער טַאטֶע זָאל נָאר

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

טְרַאכְטְן אֵיין מִינוּט אִין טָאג 'וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד חַס וְשָׁלוֹם גֵייט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה ? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען חַס וְשָׁלוֹם עֶר עֶסְט טְרֵיפוֹת אוּן אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ' ? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד קוּמְט אַהֵיים מִיט לַאנְגֶע גְרוֹיסֶע הָאר וִוי אַ שֵׁד רַחֲמָנָא לִצְלָן ? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד אַנְטְלוֹיפְט אִינְגַאנְצְן פוּן מִיר, אִיךְ גֵיי אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען, עֶר הָאט חֲתוּנָה מִיט גוֹיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן ? אַזוֹי וִוי מֶען הֶערְט לֵיידֶער אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת בֵּיי חָשׁוּבֶ'ע שְׁטוּבֶּער ; יֶעצְט וֶוען מַיין קִינְד אִיז עֶרְלִיךְ, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ טָהֳרָה, עֶר זוּכְט עֶפֶּעס פַאר זַיין נְשָׁמָה, עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ בֵּיי אַ גֶעוִויסֶע חֲסִידוּת אָדֶער עֶר צִיט צוּ אַ לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה וָואס שְׁטִימְט נִישְׁט מִיט מַיין מֹחַ, צוּלִיב דֶעם זָאל אִיךְ אִים רוֹדְפְ'ן אוּן אִים שְׁלָאגְן מַכּוֹת רֶצַח אוּן מַכּוֹת אַכְזָרִיּוּת ? !' עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע שְׁטוּת פוּן דֶעם.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה וֶוען זֵיי זֶעעֶן זֵייעֶר קִינְד וִויל זַיין גוּט, זֵיי דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵייעֶר קִינְד אִיז אַ אִיד אוּן וֶועט בְּלַייבְּן אַ אִיד, זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ קַדִּישׁ זָאגֶער נָאךְ זִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מט, ד) : "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּן יָגֵעַ בַּתּוֹרָה כְּאִלּוּ לֹא מֵת", וֶוער עֶס לָאזְט אִיבֶּער אַ קִינְד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן ; וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען עֶר לָאזְט אִיבֶּער קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער פְרֶעג אִיךְ דִיר, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אוּמְזִיסְטֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן צַעַר ? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ זוּן וָואס חַבְרְ'ט זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַ זוּן וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה ; לָאז אִים אָפּ, לָאז אִים גֵיין וואוּ זַיין הַארְץ צִיט אִים ; עֶר גֵייט דָאךְ נָאר צוּ גוּטֶע פְּלֶעצֶער, עֶר וִויל זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, עֶר וִויל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן בַּאקוּמֶען דֶעם תִּיקוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִים שְׁטֶערְן ? !

דוּ פְרֶעגְסְט, אוֹיבּ אַ טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט פָארְן זַיין זוּן קֵיין אוּמַאן אוֹיבּ דֶער טַאטֶע וֶוערְט אַ חֵלֶק פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע ? אַ גוּטֶע שְׁאֵלָה פְרֶעגְסְטוּ ; דָאס אִיז זִיכֶער, אַז אַ טַאטֶע וָואס לָאזְט נִישְׁט זַיין קִינְד גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אַ גְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה, וַוייל וָואס ווִילְן דֶען עֶלְטֶערְן ? נָאר נַחַת, זֶען וִוי דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה ; וָואלְטְן זֵיי גֶעדַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז זֵייעֶר זוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה. דוּ מֵיינְסְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלַאץ ? בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים לֶעבְּן טָאג אוּן נַאכְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת.

אַזוֹי וִוי דִיר זֶענֶען דָא צֶענְדְלִיגֶער עֶלְטֶערְן וָואס עֶסְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ וֶוען זֵיי דֶערְוִויסְן זִיךְ אַז זֵייעֶר קִינְד גֵייט קֵיין אוּמַאן אוּן דְרֵייְדְט זִיךְ מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים, מֶען הַאקְט אָפּ מִיט דֶעם קִינְד, מֶען אִיז אִים מְבַזֶה, מֶען פַארְגִיסְט זַיין בְּלוּט, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד ; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין קִינְד אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ.

בְּנוֹגֵעַ דִי בֶּעקִיטְשֶׁע וְכוּ' ; מִן הַסְּתָם וֵוייסְט נִישְׁט דַיין זוּן אַז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁטָא קֵיין וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט טוּישְׁן דִי לְבוּשׁ פוּן דָאס וָואס מֶען גֵייט, אַלֶע קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, נִישְׁטָא קֵיין סְפֶּעצִיעֶלֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אִין בְּרֶסְלֶב ; אָבֶּער דִיר מוּז אִיךְ זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט פַארְעֶכְטְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיף דַיין קִינְד, אַז מֶען טוּט זִיךְ אָן אַ גֶעבְּלוּמְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אַנְשְׁטָאט אַ זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע - וֶוערְט מֶען נָאכְנִישְׁט קֵיין הֶפְקֵר יוּנְג ; זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין, דֶעם לָשׁוֹן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס אִיז : "פְּרִיקַת עוֹל עִם הֶכְשֵׁר מְהַדְּרִין", דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיף אִידִישְׁקֵייט אִיז פַארְדְרֵייְדְט.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ נָאר בְּרֶסְלֶב אִיז דִי וֶועג ; אוֹיף דֶעם וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע פְרַאגֶע, אוֹיבּ דִי מִתְנַגְדִים וָואס הַאלְטְן צוּרִיק פוּן מְקוּרָב וֶוערְן קֵיין בְּרֶסְלֶב זֶענֶען כּוּלוֹ רַע, אוֹיף דֶעם וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן 'יָא' ; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי אַלֶע וָואס הַאלְטְן צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דִי אַלֶע זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק רַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט שׁוֹין דָאס (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מז) : "הַנּוֹאֲפִים, לָרֹב הֵם מִתְנַגְּדִים לַצַּדִּיקִים", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירָה - זֵיי קְרִיגְן אוֹיף צַדִּיקִים ; דָאס זֶעט מֶען נִישְׁט נָאר בַּיים רֶבִּי'ן נָאר אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער אוּן אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נָאר בַּעֲלֵי עֲבֵירָה הָאבְּן דִי עַזּוּת צוּ רֶעדְן קֶעגְן צַדִּיקִים, אַוֶועק מַאכְן זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּלֶךְ תשפ"ב)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# עצתו אמונה חלק י'
# ארויס פון דרוק

מכון עצתו אמונה גייט אן מיט'ן גאנצן פרישקייט, מען געבט ברוך השם איין באנד נאכ'ן צווייטן. אין די יעצטיגע טעג האט דער מכון געלאזט וויסן, אז חלק י' איז שוין ארויס פון דרוק, און וועט בקרוב פארטיילט ווערן פאר די חשובע נדבנים.

אבער אין די זעלבע צייט לאזט מען נישט אפ די פריערדיגע בענדער, ברוך השם געליובט דעם אויבערשטן אז די ספרים גייען זייער שטארק, די מפיצים זאגן אז עס איז דא א שטארקע פארלאנג, און כאטש מען האט געדרוקט גאר אסאך פון די ערשטע בענדער זענען שוין פילע בענדער מער נישטא צו באקומען. אין די יעצטיגע טעג גרייט מען זיך אויך איבערצודרוקן די ערשטע באנד וועלכע איז שוין נישטא צו באקומען פאר א לענגערע ווייל.

עס איז אינטערעסאנט צו זען א בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אום חודש אלול שנת תשע"ט, ווען מען האט געדרוקט עצתו אמונה חלק א' דעם ערשטן מאל, שרייבט דער ראש ישיבה צווישן אנדערע אז מען זאל דאס דרוקן און איבערדרוקן, "איך פריי זיך זייער צו הערן די גוטע בשורה אז עס איז יעצט ארויס פון דרוק די ערשטע חלק פון ספר "עצתו אמונה", שאלות ותשובות וואס דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען צו ענטפערן פאר אידישע קינדער, זיי מחזק זיין זיי זאלן נישט זיין ביי זיך געפאלן און אויפגעגעבן, נאר זיי זאלן זיך צוריק קערן צום אייבערשטן. באמת האב איך גארנישט מחדש געווען, איך האב נאר גענומען די ווערטער וואס מוהרא"ש האט מיט אונז געלערנט, עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן און דאס אראפגעשריבן אויף א שפראך וואס די היינטיגע דור פארשטייט, אבער אלעס וואס שטייט אין די בריוו איז פון מוהרא"ש; עצות און הדרכה פון הייליגן רבי'ן. שטארק זיך ווייטער מיט די הייליגע ארבעט, ווייטער אנגרייטן און מגיה זיין די בריוו פון עצתו אמונה און דאס דרוקן און נאכאמאל דרוקן. וואויל איז פאר אלע וואס העלפן דרוקן די ספרים וואס איז מחזק אידישע קינדער, דער וועט זוכה זיין צו די הבטחה וואס מוהרא"ש האט מבטיח געווען פאר ווער עס וועט דרוקן דעם ספר אשר בנחל, אז מען וועט זען גרויסע ישועות".

עס איז יעצט דא דער געוואלדיגער געלעגנהייט צו קענען קויפן א זכות ווען מען דרוקט דעם הייליגן ספר וועלכע גייט צום דרוק ממש בקרוב, רופט שוין מוה"ר ישעי' איידליס הי"ו אויף 347-831-1391. גלייכצייטיג טוט מכון עצתו אמונה מעלדן אז מען קען נאך קויפן דעם זעלטענעם "זכות מהדורה".

דער זכות פון העלפן דרוקן די הייליגע ספרים וואס זענען מגלה און מפרסם דעם אויבערשטן וועט זיכער מגין זיין פאר אלע משתתפים צו פארשריבן ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה און א זיס געבענטשט יאר.


## געשמאקע שמועסן

אוקריינע מלחמה, עזה, איידעמער, קעמערעס, אפשערן, טרעפיק, עלטערן מיט קינדער, אומאן, דראגס, חינוך, גראסערי, און נאך פילע אינטערעסאנטע נושאים

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 1, 10, 2, 100-101

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

718-387-2691

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **גדלי' דוד בלום** הי"ו בית שמש
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שלמה יאקאב** הי"ו בני ברק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **משה בלוי** הי"ו צפת
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעצעפּיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**